# מאַמע=לשון

ביולעטען פון דער
איניציאַטיוו-גרופּע
"ייִדיש-פּאַרײן" בא
דער ייִדישער קולטור-
אַסאָציאַציע. נום. 3
אַפּרעל-מײַ 1989
מאָסקווע.

## צום יום העצמאות

וועלוול טשערנין

### שליח

ער איז צוגעגאַנגען צו מיר אין מאָסקווער מעטראָ
- שלום עליכם. בר כוכבא האָט מיך געשיקט נאָך הילף...
- א שטומער פראַגע-צייכן.
- דו פאַרשטייסט, דאָרט בא אונדז אין ביתר...
- א שטומער פראַגע-צײכן, וואָס ער שרײַט... .
און ער איז אַנטשטומט געוואָרן.
און איך בין אַרויסגעפלויגן אַף מײַן אָפּשטעלונג.

מיר דאַכט, אַז די דאָזיקע משוגעת איז אָנשטעקנדיק.
פון דעמלט אָן, ווען איך פאָר אין מעטראָ
הערן מײַנע אויערן אין רעדער-קלאַפּ
א שווערדן-קלינגערײַ.
און מײַנע אויגן זעען אין פינצטערע פענצטער
דאָס פאַרמידושטע פנים פון בר כוכבאס שליח.

האָט ניט מורא. איך שווײַג.

### אַנערקענונג אין ליבע פונדערווײַטנס

דיר, ווײַטער קאַנט פון מײַנע ווײַטע אבות;
דיר, שטיקל ערד צווישן דעם ים און טײַך,
דיר גיב איך אָפּ חלומות און מחשבות,
מיט דיר ביבין אָרעם און מיט דיר כיבין רײַך.

איך כאַפּ דײַן יעדעס וואָרט. דײַן ברויט איז מיר ווי צימעס,
ס'פאַרשאַפט מיר פרייד דײַן פרייד, און ס'טוט מיר ווי דײַן וווּנד.
מײַן לעבן וואָלט אָן דיר געוואָרן נמאס,
און כ'וואָלט געוואָגיעט ווי באַנאַכט א הונט.



גאַנצע מגילה - אין פשוטער איבערלייענען אָט די אַלע מײַנע "מאָדנע" בריוו, וואָס איך ברענג זיי דאָ, און כדי אָנשרײַבן זיי, דאַרף מען דורכגיין אָט די סאַמע ייִדישע טרעפּ.

דו וועסט אוודאי פרעגן:

- וואָס עפּעס אַזוי שווער ס'מאַכט זיך דיר, ווען דו דאַרפסט ענטפערן אַף דער אויבנדערמאָנטער פראַגע?

- יאָ, ס'איז מיר שווער, ניט צו באַשרײַבן, ווי אַזוי שווער, ווײַל זאָגן, אַז ס'איז בא מיר א ייִדיש-רײדנדיקע משפחה, וועט זײַן א ליגן. די עלטערן פאַרשטייען דאָס שטיינער-ייִדיש, אָבער זיי רעדן אַף אים ניט. מײַן שוועסטער, וואָס מיר זײַנען דערצויגן געוואָרן מיט איר בא די זעלבע עלטערן, פאַרשטייט קיין וואָרט ניט.

אוודאי א ביסל ייִדיש האָב איך געכאַפּט בא די זיידעס און באָבעס מײַנע, אָבער דאָס איז געווען בלויז א געהערט לשון. וועגן דעם וועל איך אָנשרײַבן א באַזונדערן בריוו.

און זאָגן דעם צווייטן וואַריאַנט פון דעם ענטפער, אַז איך האָב ייִדיש אויסגעלערנט, - וועט זײַן אויך א ליגן., ווײַל איך האָב עס ספּעציעל ניט געלערנט. איז פונוואַנען זשע קומט זי צו מיר, אָט די שפּראַך, דאָס מאַמע-לשון, אפילו ניט מאַמע-לשון, נאָר דווקא דאָס באָבע-לשון?..

דו מעגסט דערווידערן, אַז ס'איז א קליינער חידוש - באַהערשן א שפּראַך. מי-ליאָנען מענטשן לערנען אויס, און צומאָל גאַנץ פרײַ, א צווייטע, דריטע שפּראַך... אָבער ייִדיש... ייִדיש האָט אַן אַנדער טעם. אַליין די ייִדישע שפּראַך איז ניט קיין זעלבסטציל, ס'איז בלויז א הײַטל פון א גרויסער וווּנדערבאַרער וועלט, וואָס רופט זיך אָן "ייִדיש". און די דאָזיקע וועלט איז אַזוי רײַך און פאַרביק, אַז ווען מע שטעלט מיר די פראַגע "פונוואַנען קומט צו אײַך ייִדיש?", מוז איך באַשרײַבן די גאַנצע וועלט "ייִדיש" און זאָגן, פונוואַנען די קומט צו מיר. איצטער, מיין איך, דו פאַרשטייסט, פאַרוואָס ווערט מיר אַזוי שווער און אומעטיק.

מיין ניט, אַז איך טרײַב איבער, בשום אופן ניט. איך האַלט סאַמע אַזוי, אַז ייִדיש - ס'איז ניט נאָר א שפּראַך, נאָר אויך א פילאָסאָפיע, אויך א גאַנג פון מחשבות, אויך א כאַראַקטער-מענטאַליטעט אאַוו.

דערווײַל זײַ געזונט. ביזן קומענדיקן בריוו.

מאָטל.

---

## ייִדישער אינפאָרמאַציאָנעלער צענטער אין מאָסקווע

"מאַמע-לשון" ביולעטען פון דער איניציאַטיוו-גרופּע "ייִדיש-פּאַרײן" בא דער ייִדישער קולטור-אַסאָציאַציע. דער פאַראַנטוואָרטלעכער - וועלוול טשערנין.

טעל. 93-97-122. מאָסקווע, פערעקאָפּסקאַיאַ-גאַס 1, דירה 70.

---

די וואָס ווילן פינאַנציעל שטיצן די ייִדישע קולטור-אַסאָציאַציע, קאָנען דאָס טאָן איבערגעבנדיק א צושטײַערלעכע פאַר די טוסע אַפּן אדרעס פון איר קאַנצעלײַ:
קאָטראָווסקי אַלעקסאַנדער וולאַדימיראָוויטש, 117133 מאָסקווע אַקאַדעמיקער וואַרגאַ-גאַס 28 דירה 309. ל/ס 99637 פון דער שפּאָרקאַסע 2695/053, מאָסקווע 105318 איזמײַלאָווסקאַיע שאָסע 11, מעטראָ "סעמיאָנאָווסקאַיאַ".

## זײַט באַקאַנט אַן אינטערעסאַנטער בוך

דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט – ייִוואָ האָט אָרגאַניזירט באַ דער פֿינאַנציעלער שטיצע פֿון דער באַסוויניק־וואָלפֿסאָן־פֿונדאַציע אַ ביכער־אויסשטעלונג אונטערן נאָמען "רעוואָלוציעס אין דרוק: דאָס ייִדישע געדרוקטע וואָרט אונטער די צאַרן און סאָוועטן". אין רוסלאַנד האָט מען די אויסשטעלונג זעלבסטפֿאַרשטענדלעך ניט געזען. דעריבער ברענגען מיר דאָ פֿראַגמענטן פֿון איר בוקלעט.

★

YIVO

ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט – ייִוואָ
YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH
1048 Fifth Avenue New York City 10028

### ■ 1952–1939

קורץ נאָכן נאַצישן אָנפֿאַל אויפֿן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איז די אַקטיוויטעט פֿונעם ייִדישן דרוקוועזן שטאַרק געשניטן געוואָרן, צוליב דעם פֿעלן פֿון אַרבעטערס און מאַטעריאַלן, ווי אויך צוליב דעם צחאָמענפֿאַל פֿון דער סאָוועטישער ביוראָקראַטיע. אָבער צו דער זעלבער צײַט האָבן ייִדישע שרײַבערס געפֿילט אַ פֿאַרלײַכטערונג פֿון די באַגרענעצונגען איבער זייער אַרבעט בעת די מלחמה־יאָרן.

ווי אַ טייל פֿון דער באַמיִונג צו שטאַרקן די שטיצע פֿון אויסלענדישע ייִדן פֿאַר דער מלחמה, איז דער ייִדישער אַנטיפֿאַשיסטישער קאָמיטעט געשאַפֿן געוואָרן אין 1942. צווישן זײַנע מיטגלידער האָבן זיך געפֿונען די ייִדישע פּאָעטן פּרץ מאַרקיש און איציק פֿעפֿער, און דער רעזשיסאָר פֿון מאָסקווער ייִדישן מלוכה־טעאַטער, שלמה מיכאָעלס, וואָס האָט געדינט ווי זײַן ראָש. דער אַנטיפֿאַשיסטישער קאָמיטעט האָט געהאַט די עובֿדה אָנצוקניפּן פֿאַרבינדונגען צווישן סאָוועטישן ייִדנטום און ייִדישע קהילות אין די אַלײַרטע מערבֿ־לענדער. ווי אַ פּועל־יוצא דערפֿון האָבן פֿעפֿער און מיכאָעלס אָפּגעשטאַט זייערע ערשטע וויזיטן אין מערבֿ זינט דער רעוואָלוציע. דער קאָמיטעט האָט אויך געשפּילט אַ שליסל־ראָלע אין דער באַנײַונג פֿונעם אַרויסגעבן ייִדישע ביכער און זשורנאַלן בעת און האַרט נאָך דער מלחמה. ייִדישע שרײַבערס האָבן גענומען שרײַבן וועגן אַקטועלע געשעענישן מיט אַ באַזונדערן טראָפּ אויף ייִדישע ענינים — טעמעס וואָס זיי האָבן געמוזט אויסמײַדן, וואָס אַ מאָל מערער, בעת די פֿאַרמלחמהדיקע יאָרן. כאָטש דאָס גורל פֿון פּוילישן ייִדנטום אונטער די נאַציס איז געווען אַ פֿאַרווערטע טעמע פֿאַרן נאַצישן אָנפֿאַל אויף רוסלאַנד אין 1941, איז דאָס אָבער שפּעטער געוואָרן אַן עיקר־טעמע אין די ווערק פֿון אַ סך שרײַבערס.

דאָס פּובליקירן ייִדישע ביכער און זשורנאַלן איז שטאַרק געשניטן געוואָרן נאָך דעם ווי די מלחמה האָט זיך פֿאַרענדיקט. מען האָט אָנגעהויבן באַפֿאַלן ייִדישע שרײַבערס פֿאַר זייער כלומרשטן „ייִדישן נאַציאָנאַליזם“, בפֿרט נאָכן אויפֿקום פֿון מדינת־ישׂראל. נאָוועמבער 1948 האָט סטאַלין זיך גענומען צו ליקווידירן אַלע פֿאַרבליבענע ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס. ייִדישע טעאַטערס, דרוקערײַען און אַקאַדעמישע אינסטיטוטן זענען צוגעמאַכט געוואָרן. מען האָט אַרעסטירט און פֿאַרשיקט אַ היפּשע צאָל שרײַבערס און קולטור־טוערס. דער לעצטער קלאַפּ איז געקומען דעם 12טן אויגוסט, 1952, ווען מען האָט דערשאָסן אין דער מאָסקווער „לוביאַנקאַ“־תּפֿיסה פֿיר־און־צוואַנציק פֿירנדיקע פּערזענלעכקייטן פֿון סאָוועטיש־ייִדישן ציבור, אַרײַנגערעכנט די וויכטיקסטע פֿאָרשטייערס פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור.









### ■ דעם צוועלפֿטן אויגוסט, 1952

די עקזעקוציעס פֿונעם 12טן אויגוסט זענען נאָר איין בלעטל פֿונעם שרעקלעכן קאַפּיטל סטאַליניסטישע „טשיסטקעס“ און ליקווידאַציעס. אָבער זיי שטעלן מיט זיך פֿאָר די קולמינירונג פֿון אַן אַרומנעמיקן פּראָגראַם אָפּצומעקן די „סכּנה“ וואָס די ייִדיש־וועלטלעכע קולטור האָט כלומרשט געשטעלט פֿאַר דער סאָוועטישער מלוכה.

מיט יאָרן פֿריִער האָט מען שוין געהאַט ליקווידירט ייִדישע אַגריקולטורעלע קאָלאָניעס, שולן, טעאַטערס, פֿאָרשונגס־צענטערס און דרוקערײַען. צווישן די קרבנות פֿונעם 12טן אויגוסט האָבן זיך געפֿונען די גרעסטע ייִדישע שרײַבערס פֿונעם דור, ווי דוד בערגעלסאָן, איציק פֿעפֿער, דוד האָפֿשטיין, לייב קוויטקאָ און פּרץ מאַרקיש.





טעאָ רולער פּרעזענטירט
דער שלאַגער פֿון יאָר
# נחום ווערט א חכם
יעקב באדא
טערי גאבאר



דאָ האָט איר עטלעכע רעקלאַמע־מיטיילונגען פֿון איינעם פֿון די אַפּריל־נומערן פֿון דער תּל־אָבֿיבער צײַטונג "לעצטע נײַעס", וואָס מיר קאָנען געבן די ייִדיש־פֿרײַנט אין פֿאַר א פֿאָרשטעלונג אָקעגן דעם, וואָס אין ישׂראל ווערט פֿאָרגעזעצט אַ באַדײַטנדיקע טעאַטראַלע און עסטראַדע־אַקטיוויטעט אין ייִדיש.

!

„לעצטע נײַעס“

★

קומט צו דער ספּעציעלער הנחה־פֿאָרשטעלונג
אין זאַל פֿון „אַרבעטער־רינג“, תּל־אָבֿיבֿ, רח' קליבֿר 48
שבת, דעם 8־טן אַפּריל 1989, אַז 19.30
אברהם (יאשא) איינשטיין און נתן העכט
מיט זייער אנסאמבל
אין דער נייער רעוויו
# לעב און לאַך
הנחה־בילעטן אין לאָקאַל פֿון „אַרבעטער־רינג“

דער יידישער טעאטער אין ישראל
# די מגילה
פֿון איציק מאנגער
מוזיק דובי זעלצער
די בילעטן פֿאַר „די קליינע מענטשעלעך“ זענען אויך גילטיק פֿאַר „די מגילה“. בילעטן־פֿאַרקויף אין תּל־אָבֿיבֿ, ביוראָ „כנף“ אלנבי 91 טעל. 293838 און 295154־03

★

דאָס נאַציאָנאַלע „הבימה“־טעאַטער פּרעזענטירט:
# „מירעלע אפרת“
# דאָס מאָל אין ייִדיש
פֿון גאָרדין ✶ רעזשי: עמית גזית ✶ באַאַרבעט: מרים קיני ✶ טעקסט אין ייִדיש: צבי שטאָלפּער
עס באַטייליקן זיך: די ראָלן פֿון מירעלע און מאַכלע וועלן לויט דער ריי שפּילן ליא קעניג און מרים זוהר.
מוסקו אלקלעי ✶ מרים גבריאלי ✶ צבי וויינבערג ✶ שמעון כהן ✶ אלעקס פּלג ✶ יעל פּערל

„לעצטע נײַעס“

אנדערע אספעקטן פון יידישקייט, אויסצוניצן די שפראך פאר אָפּווענדן די יידן פון עליה. און דאָס איז ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ניטאָ שוין ביי אזעלכע מיסטיינס-געזאָגט-פּראָפּאגאנדיסטן פון יידיש קיין אמאָליקן דערוויילז וועגן נגישות פון יידיש אין ישראל. אין די לעצטע יאָרן איז דאָרט אָנגענומען געוואָרן א קאָמפּלעקס מיטלען פאר ווידער_געבורט און אנטוויקלונג פון מאמע-לשון, און אָט די מיטלען ברענגען שוין פרוכטן.

יידיש אין ישראל ווערט אויפגעריכט ניט דערפאר, וואָס דאָס איז עמעצן לוינעוודיק, ניט דערפאר, וואָס עמעצער וויל מיט זיין הילף עמעצן דערוויזן עפּעס, נאָר דערפאר, וואָס עס איז אן אומאָפּטיילבארער טייל פון דער יידישער קולטור און עס קאָן ניט, בלייבן פרעמד ביי זיך אין דער היים. בכלל, די אנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור אין ישראל איז גופא אן עקזיסטיר-אופן פון דער יידישער מלוכה, נאָר ניט קיין רעזולטאט פונעם פּאָליטישן קאמף, ווי עס קומט פאָר אין אייניקע אנדערע לענדער.

א סך זאכן פון דעם, וואָס איז פריער געווען געזאָגט וועגן שפראכן, קאָן מען זאָגן אויך וועגן אנדערע אספעקטן פון דער יידישער ,קולטור, וואָס זיינען פארערכנט הײַנט אין פּראָגראמען פון אפיציעלע, יידישע אָרגאניזאציעס און פון יידישע אָרגאניזאציעס, וואָס פרובירן זיך ווערן אָפיציעל. די 'ביוראָקראטן, וואָס האָבן אין 40-50-70 יאָר ארום באוויליקט אָנרופן ווייס ניט גאנץ שווארץ און שווארץ ניט גאנץ ווייס, פארגעטערט מען ממש. אלע זייערע לאָגישע און אומלאָגישע תנאים פילן די אָנהענגער פון אלגעמיינער לעגאליזירונג אויס מיטן גרויסן פלייס אויף די אָבער, וואס סטארען זיך קוקן אויף די זאכן ניכטער, הענגט מען אָן "עטיקעטקעס" כמעט פון ספאלטלער פון דער יידישער באוועגונג אין פסטר.

און וואס איז אין דער אמתן? א טייל יידן וויל דערווייל ווי פריער לעבן צווישן וועלף און הוילן ווי וועלף. אויף זיי זיינען דער עקר אריענטירט לעגאלע יידישע אָרגאניזאציעס. זייער ציל איז צושאפן א פאלשן איינדרוק, אז דאָס פולווערטיקע יידישע לעבן קאָן מען פירן אויך אויסער דער יידישער מדינה. סיאיז כאראקטעריסטיש, אז א היפּשער טייל מיטגלידער פון אזעלכע אָרגאניזאציעס בייט איין גלות אויף די אנדערע - עמיגרירט אין פּשא.

אָבער וואָס דארפן פונדעסטוועגן טאָן די יידן, וועמען זייער נאציאָנאלע ווירדע דערלויבט בשום-אופן ניט הוילן ווי וועלף? לעבן דאָ וועט עמעצער פון זיי נאָך מוזן, און מען ווייסט ניט, ווי לאנג... ווי קאָן מען דאָך ניט לאָזן קיין ווירדע? מיט געמיינזאמע כוחות דארף מען פארטיידיקן די שטעלונג, ניט אריינמישנדיק זיך אין מלוכישע עסקים. איז ניט כדאי צו האפן אויפן פול-שטענדיקן נצחון איבער אסימילאציע: די פּיר אן אָביעקטיווער פּראָצעס, וואָס גייט דורך מיט א פארשיידענער גיכקייט אין אלע לענדער. די איינציקע זיכערע שוץ פאר זיך און פאר שפּעטערדיקע דורות קעגן אסימילאציע איז דער צוריקקער אהיים.

**שלמה גראָסמאן**

הײַנטצײַטיקער אָפיציעלער טערמינאָלאָגיע), דאָס הייסט די, וועלכע פארשטייען, וואָס די יידישע קולטור איז, טאקע זיי האָב איך געמיינט מיטן אלטן דאָקטער פון אונדזער בילד. איך ווייס, ווען דער דאָזיקער דאָקטער זאָל זיין יונג און שטארק, 5
וואָלט ער עפּעס בעקויעך געווען העלפן די צוויי פאריסענע קראנקן-שוועסטער צו אָרדענונג, און די נייטיקע רעאנימאציע-מיטלען איבערן קראנקן וואָלטן עפּעס גע-וואָרן דורכגעפירט? אָבער וואָס וואָלט געשען מיטן קראנקן ווייטער? ווער וואָלט געוואָרטעוועט ארום דעם כוילע דערנאָכדעם? זיינע קינדער לויפן דאָך גליידגילטיק פארביי, ווי זיי האָבן עס שטענדיק געטאָן, זייערע קעפּ זיינען פארקלאָפּט מיט אנדערע דינגעס...

**א.שניידמאן**

## וועגן דער ווילנער יידישער קולטור-געזעלשאפט

סאָף 1987 איז באם ליטווישן קולטור-פאָנד אָרגאניזירט געוואָרן "א גרופּע פאר אונטערהאלטן די יידישע קולטור". בעראָש האָט מען געשטעלט עמאנועל זינגערן, טאקע א פיינעם יונגערמאן מיט א יידישער נעשאָמע. אָבער די עמעסע רעדלפירער זיינען, געווען דריי אלטע קאָמוניסטן: פרידא זימאנענע (די אלמאָנע פונעם אקטיוון טוער פונעם אנטיסיאָניסטישן קאָמיטעט גענריקאס זימאנאסן), יעווסיי יאצאָווסקי (ער האָט געיארשנט זימאנאס שטול אין דעם אנטיסיאָניסטישן קאָמיטעט, כאָטש דאכט זיך, פאר-לאָזט אים אינגיכנס) און שלוימע אטאמוקאס (אויך א גוטער פאסקודניאק, וועלכער האָט זיך געוואקלט טאָמיד מיט דער פארטיי-ליניע צוזאמען).

דעם 5 יאנואר 1988 האָט די גרופּע דורכגעפירט א פארזאמלונג פון עפּעטער א הונדערט היגע יידן און א צענדליק ליטווישע געסט. ארויסגעטראָטן זיינען די אָרגאניזאטאָרן און די ליטווינער. פאר די איבעריקע איז קיין צייט ניט געבליבן. שפּעטער איז די אקציע אָנגערופן געוואָרן "א גרינדונגס-פארזאמלונג" (אזוי איז נייטיק לויט די קלאָלים פונעם קולטור-פאָנד) פון דער "קולטור-געזעלשאפט פון ליטווישע יידן". ווי עס פּאסט פאר א יודענראט האָבן זיי פון סאמע אָנהייב פּרעטענדירט צו ריידן אין נאָמען פון אלע יידן אין ליטע. מע האָט גענומען שרייבן איבערגעטריבן אָפּטימיסטישע ארטיקלען אין "סאָוועטיש היימלאנד" און "פאָלקס-שטימע".

אין נאָוועמבער-דעצעמבער 1988 האָט דער שרייבער גריגאָרי, קאנאָוויטש צונויפ-געקליבן א גרופּע פון א מאן פופצן קעדיי אָרגאניזירן א צוזאמענפאָר פון ליט-ווישע יידן און שאפן א געמיינדע אף דעמאָקראטישע יעסוידעס. די גרופּע האָט באַ-שלאָסן אויסנוצן דעם לעגאלן דאך פונעם יודענראט און געשלאָסן מיט אים שוטפעס.

דער צוזאמענפאָר איז צושטאנד געקומען דעם 5 מארט 1989. דעלעגאטן זיינען זיך צונויפגעפאָרן פון גאנץ ליטע, געסט זיינען געווען פון מאָסקווע, לענינגראד, קיעוו, טשערנאָוויץ, ריגע, טאלין (זאָלן מיר מויכל זיין נאָך עטלעכע סאָוועטישע שטעט, וועלכע איך האָב פארגעסן) און אפילע פון ווארשע, ניו-יאָרק, יערושאָלאיִם. צום באדויערן זיינען צווישן די דעלעגאטן געווען צופיל אלטע יידן. זיי האָבן טאלערירן די פאלשע גענג פונעם פארזאמלונג-פאָרזיצער כאיִם גורוויטשן און מויכל געווען די זינד יאצאָווסקין און אטאמוקאסן (יאצאָווסקין אפילע אויסגעוויילט אין דער פארוואלטונג).

דער צוזאמענפאָר האָט געוויזן דעם טראגישן מאצעוו פון יידישע נעשאָמעס אין ליטע. זייער פיל נייטיקן זיך אין וואנדערן 40 יאָר איבער א מידבער.

Челябинское отделение советского фонда культуры
ЕВРЕЙСКИЙ КУЛЬТУРНЫЙ ЦЕНТР
ВЕСНА
פרילינג

**ПРАЗДНИЧНЫЙ ВЕЧЕР**
א פֿײַערלעכער אָוונט
*«ЕВРЕИ В ПЕЧАЛИ И РАДОСТИ»*
«ייִדן אין צאָרעס און פֿרייד»

В ПРОГРАММЕ:
1 45-летие восстания в Варшавском гетто
2 Еврейский праздник Пейсах
3 Рецепты еврейской кухни
4 Аукцион блюд

# КАКИЕ МЫ?

Б. Эренбург



ייִדישער קינסטלער קאַריקאַטוריסט באָריס ערענבורג פֿון טשעליאַבינסק איז באַקאַנט די לייענער פֿון דער צײַטונג בירָאָבידזשאַנער שטערן. דאָ ניט לאַנג האָט דער נײַ-געשאַפֿענער טשעליאַבינסקער ייִדישער קולטור-צענטער פֿרילינג דורכגעפֿירט א פֿײַערלעכן אָוונט ייִדן אין צרות און פֿרייד, בעת וועלכן מיט גרויס דערפֿאָלג האָט מען דעמאָנסטרירט א נײַע סעריע ב.ערענבורגס קאַריקאַטורן אונטערן נאָמען אַזעלכע זײַנען מיר. ניט א קוק, רבותי, און האָט ניט קיין פֿאַריבל, אויב עמעצער וועט דערקענען זיך אַליין אין די דאָזיקע קנאַפּע מוסטערן, וואָס מיר ברענגען דאָ.






זייער עמאָציאָנעלע




עקשנותדיקע




אָרטאָדאָקסאַלע




קאַרגע




נײַגעריקע




גרינג זיך אַדאַפּטירנדיקע

מ. רעזניק

## מיר שפּילן

### (דאָס אויסטוישן מיט דערפאַרונג)

אין כאַרקאָוו, בײַ דעם קולטור=פּאַלאַץ זײַנען נאָך אין נאָיאַבר כוידעש 1988 יאָר אָרגאַניזירט געוואָרן צוויי גרופּעס אף לערנען יידיש.

ס׳האָבן זיך פאַרשריבן מערער פון הונדערט מענטשן. איצטער לערנען זיך אין די צוויי גרופּעס 50 הערער.

די וואָס האָבן זיך פאַרשריבן האָבן ניט געקענט, ניט נאָר לייענען און שרײַבן, נאָר ריידן און פאַרשטייען אף יידיש.

מע דאַרף באַמערקן, אַז אַלע, בײַ זיי האָבן זיך פאַרשריבן אין די קורסן, האָבן געשטעלט אונדז די פראַגע: וויפל דאַרף מען צײַט, אַז מע זאָל זיך אויס-לערנען ריידן און פאַרשטייען אף יידיש?

אָט די פראַגע האָט באַוויזן ווי גרויס איז דער פאַרלאַנג בא אונדזערע הע-רער - וואָס גיכער באַהערשן די יידישע שפּראַך.

קעדיי צו העלפן לײזן די אויפגאַבע, וועלכע אונדזערע הערער האָבן געשטעלט פאַר זיך. האָבן מיר באַשלאָסן, אַז מע דאַרף באַנוצן אַזאַ מעטאָדיקע, וועלכע קאָן געבן א פּאָזיטיווון רעזולטאַט אין א קורצער צײַט. אַזאַ מעטאָדיקע איז בא אונדז געוואָרן: א שפּיל=סיטואַציע.

סע זאָל פאַרשטיין געוואָרן, וואָס הייסט א שפּיל=סיטואַציע, ווילן מיר מע-רער פּראָטים דערציילן וועגן דער טייל פון אונדזער לערנען, וואָס פּאָרויסזעען אַז אונדזערע הערער זאָלן גיכער באַהערשן ריידן און פאַרשטיין אף יידיש.

מיר האָבן אויסגעאַרבעט עטלעכע סצענאַרן פון אונדזערע שפּילן.

די ערשטע שפּיל האָט זיך אָנגערופן: "מיר פאָרן אין מאָסקווע". דער אינהאַלט פון דער שפּיל, אין וועלכער ס׳האָבן אָנגענומען אַן אַקטיווער אַנטייל קימאַט אַלע הערער, איז געווען:

דער סטאַראָסטע פון דער גרופּע האָט אַרײַנגעטראָגן א פאָרשלאַג, אַז אַלע הערער פון דער גרופּע זאָלן פאָרן, אף עטלעכע טעג, קיין מאָסקווע, קעדיי באַזוכן דעם גרויסן טעאַטר.

נאָר עטלעכע הערער שטייט אויף און זאָגט אַז אין אָדעסע וווינט זײַן שוועס-טער, וועלכע קען העלפן געפינען פאַר 12-ט מענטשן ערטער, וווּ מע וועט קענען וווינען.

די גרופּע טיילט זיך אף צוויי טיילן: איין טייל פאָרט קיין מאָסקווע און די צווייטע אין אָדעס.

יעדער גרופּע טיילט אויס פאַראַנטוואָרטלעכע, וועלכע דאַרפן קויפן בילעטן, פּראָדוקטן אף דעם וועג. לויט דעם סצענאַר נעמט אַן אַקטיווון אָנטייל דער קא-סיר פון בילעטן, פאַרקויפער אין גאַסטראָנאָם, קאָנדוקטער אין דעם וואַגאָן. (די קאָנדוקטאָרן זײַנען בא אונדז געווען צוויי יינגלעך פון 13 - 12 יאָר).



## עס רעדן רעדאַקטאָרן פון אַנדערע אויסגאַבעס

שלמה גראָמאַן, איינער פון די יינגסטע איצטיקע יידיש-שרײַפטשטעלער, האָט דעביוטירט מיט א צײַט צוריק אַלס דיכטער אין "בירעבידזשאַנער שטערן". הײַנט-צו-טאָג איז ער דער רעדאַקטאָר פונעם ביולעטען פון "אָגוד המורים", וועלכער האָט אַדאַנק זײַנע באַמיִונגען געביטן זײַן אַנטי-יִדישיסטישע שטעלונג אף א גוט-ווילקײַט בנוגע צו אונדזער אַלטער מוטער-שפּראַך. זענענדיק אין פּרינציפּ ניט מסכים מיט א ריי ש. גראָמאַנס פּאָליטישע דעקלאַראַציעס, פאַרעפנטלעכן מיר פונדעסט-וועגן .גערן זײַן נאָטיץ פאַר אונדזער רובריק "עס רעדן רעדאַקטאָרן פון אַנדערע אויסגאַבעס".

### ענדלעך... וואָס?

"נו, ענדלעך!" - דאָס אומגעהײַערע התפּעלות אויף די פּנימער פון אַקטיוויסטן פון ניט לאַנג. געשאַפענע געזעלשאַפטן, צענטערס, קלובן, פאַראייניקונגען (אאַו.) פון דער יידישער קולטור. אָבער וואָס, אין תּוך גערעדט, איז געשען ענדלעך? ענדלעך האָט מען דערלויבט די יידן זײַן יידן? ענדלעך האָט מען זיי דערלויבט האָבן א באַריר איינעם מיטן אַנדערן און (טיילמאָל) מיט זייערע מיטברידער אין אויסלאַנד? ענדלעך האָט מען אַנערקענט די יידן פאַר א פאָלק? נו, דאָס זײַנען דאָך אויך דערגרייכן.

לאָמיר ניט פאַרבייגן די מעלות פון אַזעלכע אַקטיוויסטן. וויפל יאָרצענדליקער האָבן זיי געוואַרט אויף אַן אָפיציעלער דערלויבעניש צו זײַן יידן אין פּסר. מוטיק פלעגן זיי מאַכן א שווײַג, עמעצער האָט באַוויזן מאַכן אַן אַנטיציאָניסטישע קאַריערע. יאָ, גלות האָט גוט אויסגעלערנט די יידן הכנעה. איצט אָבער גייט גלות אַלס אַן עקזילסטיר-פאָרם פונעם יידישן פאָלק אין רוסלאַנד אומדערבאַרעמדיק אַוועק אין געשיכטע. און זי גייט אַוועק דערפאַר, וואָס אַפילו אין דער צײַט פון "זאַסטאָי" זײַנען אינעם לאַנד געווען די יידן, וואָס האָבן ניט געוואַרט אויף דער מאַכטס סאַנקציע מכּוח זייער אייגענער יידישקײַט. זיי האָבן 18 יאָר צוריק דערשלאָגן זיך צו דער אַנערקענונג, א רעכט פון סאָוועטישע יידן אויף עליה. זיי האָבן בײַ 20 יאָר צוריק אָנגעהויבן אומלעגאַל אונטעריכטן עברית. אייניקע פון זיי האָבן געצאָלט דערפאַר מיט פרײַהײַט, אָבער זיי זײַנען ניט אײַנגעבראָכן געוואָרן. עס וואַרט ניט אויך אויף דער מאַכטס בענטשונג דער אגוד המורים. ער מאַכט פּשוט זײַן זאַך, מאַכט ניט קיין אַזשיאָטאַזש מיט רעגיסטראַציעס.

אויב עברית האָט מען טראַדיציאָנעל געהאַלטן פאַר אַן אַטריבוט פון אַנטיסאָוועטיזם, יידיש איז גערעכנט זיך פאַר א שפּראַך פון סאָוועטישע יידן. אָבער בלויז מיטן מויל: יידיש האָבן געקענט כּמעט נאָר זקנים, אונטעריכטן עס האָט מען ניט דערלויבט, און עס איז געווען אַזויאַרום פאַרמשפּט צום טויט. עס זײַנען סונדעסט-וועגן דערשינען אויך בײַ אים ענטוזיאַסטן, לערערס און שילערס, וואָס האָבן פאַר-נומען זיך מיט אים אומאָפיציעל.

ס׳איז א שאָד, אַז איצט מאַכט מען צומאָל א פּרוּוו אָפּצוטיילן יידיש פון

